**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2023/21/08 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול באשטימט שאן הענעסי אלץ דירעקטאר פון דער גרויסע ניו יארק סטעיט יאריד**

***נאכן אנפירן א געראטענע 2022 יאריד אלץ דערוויילעגער דירעקטאר, וועט שאן הענעסי ווייטער אנפירן געוואוקס און אינאוואציע אין 2023 און שפעטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט נאמינירט שאן הענעסי אלץ דירעקטאר פון דעם 'גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד'. נאכן סערווירן אלץ דערווייליגער דירעקטאר פון א געראטענעם יאריד אין 2022, שטעלט אוועק הענעסי'ס פאזיציע פון איבערגיין צו ווערן דירעקטאר די פאזע פון ווייטערדיגע געוואוקס און אינאוואציע, בעת פארזיכערן דעם המשך פון די טראדיציעס פון פאמיליע הנאה האבן וואס איז געווארן א קענצייכן פון ניו יארק באליבטער יערליכע געשעעניש.

"זינט זיין באשטימונג אלץ דערווייליגע דירעקטאר פון דעם גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד אין 2022, האט שאן באוויזן צו זיין א וועגווייזיגער און פעאיגער פירער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ צו אפיציעל אים ענטפאנגען אלץ דירעקטאר און קוק זיך אויס צו ארבעטן מיט אים צו פארזיכערן דעם אויפלעבונג און חיות פון דעם באזונדערן ניו יארק טראדיציע - אונדזער גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד"

אלץ דערווייליגער דירעקטאר פון דעם גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד אין 2022, איז הענעסי געווען דער הויפט אנפירער אדורכצופירן דער ערשטער טאטאלער יאריד ערפארונג זינט פאר דער עפידעמיע, פארגעשטעלט די פארשידענסטע מוזיקאלישע אויסשטעלונגען פון נאציאנאלע רעקארדירונג קונצלערס לגבי זשאנערס און יארן-לאנגע רעפערעזנטאציע, און אנגעהויבן דיסקוסירן וועגן פארשטעלן אן אזיאטישע שטעטל, ניַי פֿאַר די 2023 יריד. דער 2022 יאריד האט ענטפאנגען 888,110 באזיכער דורך די טויערן און ארויסגעשטעלט 113 קאנצערטן איבער שעווי קאָרט, שעווי פארק, פאן אפריקאנער דערפל, לאטיינע דערפל און אנדערע פאראווילונג טרעפפונקטן. פיר פארגעשטעלטע אטראקציעס אלץ טייל פון שעווראלעט מוזיק סעריעס שטייען צווישן די 20 גרעסטע צאל צוקוקערס פון אלע צייטן ביים יאריד, ווי אויך נעלי'ס פארשטעלונג אין אוגוסט 31 וואס האט צוגעצויגן 43,000 אנהענגערס צו דעם נייעם געביטענעם נאמען סובערבן פארק.

דאס יאר, האט דער יאריד געמאלדן וועגן א דינאמישע, פילמיניגע קאנצערט אויסשטעלונג, וואס שטעלט פאר ניי פימיליע-פריינטליכע פארשטעלונגען אזוי ווי *פעפא חזיר פאר אן עולם!* און דיסני דזשוניאר לייוו אַן טור, און באגייסטערנדיגע נייע אויסשטעלונגען אזוי ווי דער דינאזאווער עקספידיציע וואס וועט ברענגען 60 רעאליסטישע דינאזאווערן צום עקספאזיציע צענטער, אלעס אין דער צייט מאכנדיג אינפראסטרוקטורע פארבעסערונגען צו פארברייטערן דעם יארידס התחייבות צו פארשענערן קולטורע איבערלעבונגען פאר יאריד-גייערס.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור און מארקעט קאמיסיאנער ריטשארד א. באל האט געזאגט,** "שאנ'ס ענערגיע, פרייד, און שטאלצע רעיונות האט געהאלפן ברענגען עטליכע אויפגעהייטערטע געשעענישן צו דעם גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד.אין דער צייט וואס מיר רוקן דעם יאריד פאראויס און פאקוסירן מער אויף אגריקולטור און יוגנט עדיוקעישן ביים יאריד, ווייס איך אז שאן, וואס ארבעט מיטן מאנשאפט ביים יאריד וועט העלפן צוברענגען אז דער גאווערנערס וויזיע זאל מקוים ווערן."

**דער ניו יארק סטעיט יאריד דירעקטאר שאן הענעסי האט געזאגט,** "איך האב די פריוואליגיע צו זיין א חלק פון דעם גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד, אן אמתע טראדיציע און קולטורעלע אינסטיטוציע אין ניו יארק סטעיט. און בין דאנקבאר און באשיידנט פון דעם וואס גאווערנער האקול האט מיך אויסגעקליבן צו זיין דירעקטאר און קוק זיך פאר צו עפענען דעם 2023 יאריד אלץ דירעקטאר צוזאמען מיטן יאריד שטאב."

איידער ער איז געקומען צום יאריד אין 2022, האט הענעסי סערווירט אלץ אסיסטענט קאמיסיאנער פון אפעראציעס ביי דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע, וואו ער האט זיך באוויזן צו האבן א רעקארד פון הצלחה'דיגע פארוואלטונג פון ארבעטער און סיסטעמס אין פובליק אגענטורן, ווי אויך אדמיניסטראציע פון גרויסע יערליכע בודזשעטן און מולטי-מיליאן דאלארדיגע קאפיטאל בודזשעט פראיעקטן. ער האט נאך ערפארונגען אלץ עקזעקוטיווע ראט מיטגליד, בילעטן פארקויפער, און פירשפרעכער פאר דער צפון קאונטי גייט גרין אייריש פעסטיוואל האט אים אויך געגבן געוואלדיגע ערפארונג צו קאארדענירן און רעקלאמירן אויף א גרויסן פארנעם קולטורע פאסירונגען, אזוי ווי דעם יאריד.

דער אנאנס בויעט אויף גאווערנער האקולס שטאלצע אינוועסטירונג אין אגריקולטור און פלאן צו שטיצן פארמערונג און צוריק אויפלעבן געלעגנהייטן פאר אלע יארידן אין ניו יארק. דער 2024 איינגעפירטע בודזשעט שטעלט אויך צו וויכטיגע פינאנצירונג פאר ניו יארק'ס קאונטי יארידן און פאר דעם גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד, וואס זענען קריטישע חלקים פון ניו יארקע אגריקולטור וועלכע פארבינדן די פובליק מיט דער וויכטיגער אינדוסטריע און אירע טראדיציעס. די בודזשעט רעכנט אריין א $2 מיליאן אינוועסטירונג אין קאונטי יארידן צו ארויסהעלפן מיט די מארקעטינג און אדווערטייזינג, אין א באמיאונג צו ערפילן [גאווערנער האקול'ס צוזאג] צו פארבעסערן די קאארדינאציע צווישן קאונטי יארידן און דער גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד, און צו פארמערן געלעגנהייטן צו פארבעסערן יונגווארג און אגריקולטורישע פראגראם אינציאטיוון ביי אלע יארידן איבער די סטעיט.

מענטשן פון איבער ניו יארק סטעיט וועלן זיך נאכאמאל צוזאמענקומען היי יאר צו איבערלעבן א צוגענגליכע, 13 טאגיגע פייערונג פון געשמאקע עסנס, וואונדערליכע אויסשטעלונגען, פארכאפנדיגע פארשטעלונגען, און אסאך הנאה ביי דעם גרויסן ניו יארק סטעיט יאריד. דאס יאר'ס יאריד וועט דעמאנסטרירן טויזנטער חיות, הונדערטער קאמערציעלע אטראקציעס, מאסנווייס פון פארכאפנדיגע אטראקציעס, און צענדליגע אנגעזעענע פערזענליכקייטן אונטערהאלטער. דער 2023 גרויסער ניו יארק סטעיט יאריד הויבט זיך אן מיטוואך, אוגוסט 23 און גייט אן ביז סעפטעמבער 4, 2023. טיקעטס זענען צום באקומען ביי [nysfair.ny.gov].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418